גליון 266
ויחי תשפ"ו

# דעם רבינ'ס מעשיות

לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
ששיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

# לָאמִיר רַייךְ וֶוערְן

**אִין דִי מַעֲשֶׂה הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע מְסִירַת נֶפֶשׁ פוּן דֶער בֶּערְגִיר, וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַעַר וָואס דֶער אָרִימַאן הָאט נָאךְ וָואס זַיין וַוייבּ אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען צוּ טוּן אַן אוּמְנָארְמַאלְן זַאךְ אוּן אִיר אוֹיפְזִיכְן כְּדֵי אִיר אוּמְצוּקֶערְן אַהֵיים.**

**וֶוען עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ שְׁטִיק צַייט, וֶוען דִי שִׁגָּעוֹן אוּן דִי עַזּוּת הָאט זִיךְ גֶעעֶנְדִיגְט, הָאט עֶר אִיר גֶעבְּרֶענְגְט צוּם הוֹיז פוּן דֶעם אָרִימַאן.**

**בֵּיידֶע הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ לַאנְג עֶרְוַוארְטֶעטֶע מַתָּנָה: דֶער בֶּערְגִיר הָאט גֶעהַאט אַ זוּן, אוּן דִי אָרִימַאן אַ טָאכְטֶער. דוּרְךְ דֶעם אִיז דֶער אָרִימַאן רַייךְ גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען שְׁטַארְק צוּ מַצְלִיחַ זַיין.**

"צוּ הֶערְט אִיר וָואס עֶס הָאט דָא פַּאסִירְט? אִיר פַארְשְׁטֵייט זַיין גְרוֹיס מְסִירַת נֶפֶשׁ?" הָאט דֶער מַשְׁגִּיחַ אוֹיסְגֶערוּפְן וֶוען עֶר זֶעט דִי גְרוֹיס נֵייגֶער פוּן דִי קִינְדֶער. "דֶער רַייכֶער בֶּערְגִיר, הָאט אוֹיסֶער קִינְדֶער, אַלֶעס גֶעהַאט: הַייזֶער, פַארְמֶעגְן, רַייכְטוּם, כָּבוֹד, אוּן הַצְלָחָה אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. עֶר הָאט אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט - זַיין הוֹיז, זַיין וַוייבּ, זַיין פַארְמֶעגְן אוּן זַיינֶע בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְג, פַארְוָואס? זִיךְ אַיינְצוּשְׁטֶעלְן - אָן צוּ וִויסְן וָואס עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְלָאזְן - דֶער עִיקָר צוּ רַאטֶעוֶוען אוּן אוֹיסְלֵייזְן דִי וַוייבּ פוּן דֶעם אָרִימַאן! קֵיין כָּבוֹד אָדֶער גֶעלְט, גֵייט עֶר נִישְׁט פַארְדִינֶען דֶערְפוּן, אוֹיסֶער דִי סַכָּנָה וָואס הֶערְשְׁט אִיבֶּער זַיין לֶעבְּן מִיטְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי פַּאלַאץ פוּן אַ חָשׁוּבֶ'ע שַׂר - אַן אֶמֶתְ'ן גֶעפַאר!

אָבֶּער דָאס הַאלְט אִים נִישְׁט אָפּ פוּן צוּ טוּן אָט דִי מוֹרָא'דִיגֶע שְׁרִיט, נָאר אוֹיף צוּ רַאטֶעוֶוען דֶעם אָרִימַאן'ס וַוייבּ, אוּן צוּ זֶען אִיר פְרֵייד.

"אוּן וֶוער אִיז אָט דֶער בֶּערְגִיר וָואס מִיר הָאבְּן גֶעזָאגְט יֶענֶע וָואךְ? נוּ נוּ, וֶוער גֶעדֶענְקְט?"

"דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק" - עֶנְטְפֶערְט נָתָן מִיט טְרִיאוּמְף.

"זֵייעֶר גוּט נָתָ'לֶע. דוּ בִּיסְט טַאקֶע גֶערֶעכְט. דֶער גְרוֹיסֶער צַדִּיק וָואס אִיז אַן עוֹשֶׁר אִין עֲשִׁירוּת, הָאט אַלֶעס: תּוֹרָה לִשְׁמָהּ, חֶסֶד, רַחֲמִים, קִרְבַת אֱלֹקִים. אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן צוּבְּרֶעכְן אַלֶע וֶועלְטְלִיכֶע תַּאֲווֹת. עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאזְט אַלֶע זַיינֶע עִנְיָנִים אוּן בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְגֶען. אוּן מִיט וָואס אִיז עֶר פַארְנוּמֶען? אוֹיף וָואס אִיז עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ?

"בְּלוֹיז פַאר אוּנְז, אוּנְז צוּ קוּמֶען רַאטֶעוֶוען פוּן דִי אַלֶע שְׁטוּתִים פוּן דִי וֶועלְט. אוּנְז צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן דֶער יֶעדְנֶעַראל - דֶער שַׂר, יֵצֶר הָרָע. וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע פְּרוּבִּירְט אוּנְז צוּ כַאפְּן אִין זַיין נֶעץ אַז מֶען זָאל רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע; מֶען זָאל אַלֶעס טוּן פוֹילֶערְהֵייט; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן מִיט קֵיין שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה אוּן מִיט דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס מִיר כַאפְּן; מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט פְרֵייעֶן מִיט אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים'ס שִׂמְחָה...

"וֶוער וֵייסְט וִוי אַזוֹי דֶער רֶבִּי נֶעמְט אוּנְז אַרוֹיס פוּן דִי אַלֶע שְׁטוּתִים פוּן דֶער וֶועלְט?"

שִׂימִי עֶנְטְפֶערְט בַּאלְד: "דוּרְךְ זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים!".

"רִיכְטִיג, הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט! שִׂימִי" - זָאגְט דֶער מַשְׁגִּיחַ. "דוּרְךְ דִי תּוֹרוֹת אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, אוּן שִׂיחוֹת הָרַ"ן אוּן סֵפֶר הַמִּידוֹת, אִין אַלֶע דִי גִלּוּיִים אַנְטְפְּלֶעקְט עֶר אוּנְז סוֹדוֹת, עֵצוֹת, אוּן תְּפִילּוֹת וְויאַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אוּנְזֶער אָרִימְקַייט, אוּן צוּ זַיין וִוי דֶער בֶּערְגִיר - רַייךְ, פְרֵיילִיךְ, אוּן צוּפְרִידְן. וִוי אַן עוֹשֶׁר פוּן קְדוּשָׁה, וָואס זֶעט אוּן פְרֵיידְט זִיךְ נָאר מִיט זַיין גוּטְס, אוּן נִישְׁט וִוי דֶער עָנִי בְּדַעַת וָואס קְלָאגְט אַ גַאנְצֶע טָאג אוֹיף זַיין צוּשְׁטַאנְד.

"אַזוֹיוִוי ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט דֶערְצֵיילְט אַמָאל פַאר עֶטְלִיכֶע חֲסִידִים בַּיי אַ נְסִיעָה, וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט מוֹפְתִים פוּן זֵייעֶר רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל דֶערְצֵיילְן עֶפֶּעס אַ מוֹפֵת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: אִיךְ אַלֵיינְס בִּין דֶער מוֹפֵת פוּן מַיין רֶבִּי, וָואס עֶר הָאט מִיר מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן צוּ זַיין פַארְזִינְקֶען אִין דִי שְׁטוּתִים פוּן דִי וֶועלְט, אוּן עֶר הָאט מִיר דֶערְנֶענְטֶערְט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער".



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י' - פוּן דֶער בֶּערְגִיר מִיטְן אָרִימַאן (2)

**אַמָאל אִיז דֶער בֶּערְגֶער** פִּיר גִיגַאנְגֶען פַאר דֶעם אָרוּמַאנְס שְׁטוּב. הָאט עֶר גִיהֶערְט וִוי דֶער אָרוּם מַאן וֵוינְט זַייעֶר בִּיטֶער אוּן שְׁלָאגְט זִיךְ קָאפּ אִין דֶער וַואנְט. אִיז דֶער בֶּערְגֶער צוּ אִים אַרַיין גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אִים גִיפְרֶעגְט. וָואס וֵויינְסְטוּ אַזוֹי שְׁטַארְק.

**הָאט עֶר אִים גִיעֶנְפֶערְט.** פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִיט וֵויינֶען. וָואס אִיז מִיר דֶען גִיבְּלִיבְּן. בַּיי אֵינֶעם בְּלַייבְּט דָאס **עַשִׁירוֹת.** אָדֶער סֶע בְּלַייבְּט **קִינְדֶער.** אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט. אוּן מַיין **וַוייבּ** הָאט מֶען אוֹיךְ בַּיי מִיר אַוֶועק גִינוּמֶען. וָואס אִיז מִיר גִיבְּלִיבְּן.

**הָאט** עֶס דֶעם בֶּערְגִיר זֵייעֶר אָנְגִיחַאפְּט בַּיים הַארְץ. אוּן עֶר הָאט זֵייעֶר גְרוֹיס רַחְמָנוּת גִיהַאט אוֹיף דֶעם אָרוּם מַאן. מַחְמַת עֶר הָאט גִיזֶעהְן זַיין בִּיטֶערְנִישׁ. **עֶר טְרוֹיעֶרְט זֵייעֶר.**

**אוּן** אִיז גִיגַאנְגֶען (דֶער בֶּערְגִיר) אוּן הָאט גִיטָאן **אַ וִוילְדֶע זַאךְ** אוּן סֶע אִיז טַאקֶע גְוֶוען צוּם אֶמֶת אַ שִׁגָעוֹן. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיפְרֶעגְט אִין וֶועלְכֶער מְדִינָה סֶע וואוֹינְט דֶער יֶעדְנִירַאל. אוּן אִיז אַהִין גִיפָארְן.

**אוּן עֶר הָאט גִיטָאן אַ וִוילְדֶע זַאךְ.** אוּן עֶר אִיז אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּם יֶעדְנִירַאל אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. אוּן דָארְט פַאר דֶעם יֶעדְנִירַאל שְׁטֵייעֶן זִיךְ וַואכִין. אוּן עֶר מַחְמַת זֵייעֶר גְרוֹיס **בְּהָלָה** אִיז עֶר פְּלוּצִים מִיט גְרוֹיס **בְּהָלָה** גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ גָאר נִיט אוּם גִיקוּקְט אוֹיף דִי וַואכִין.

**אוּן דִי וַואכִין** זֶענֶען אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין אוּן זֶענֶען זֵייעֶר פַארְטוּמֶעלְט גִיוָוארִין. מַחְמַת זֵיי הָאבִּין פְּלוּצִים גִיזֶעהְן אַ מֶענְשִׁין לֶעבִּין זִיךְ מִיט גְרוֹיס **בְּהָלָה.** זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין. וִוי קוּמְט דֶער אַהֶער.

**אוּן מַחְמַת בְּהָלָה** הָאבִּין אִים אַלֶע וַואכִין גִילָאזְט. אוּן עֶר אִיז אַרִיבֶּער אַלֶע וַואכִין בִּיז עֶר אִיז אַרַיין גִיקוּמֶען צוּם יֶעדְנִירַאל אִין שְׁטוּבּ אַרַיין. צוּ דֶעם אָרְט וָואס זִי אִיז דָארְט גִילֶעגִין. **אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען** אוּן עֶר הָאט זִי אוֹיף גִיוֶועקְט אוּן הָאט צוּ אִיר גִיזָאגְט. קוּם.

**וִוי זִי הָאט אִים דֶערְזֶעהְן** אִיז זִי דֶערְשְׁרָאקִין גִיוָוארִין. הָאט עֶר אִיר גִיזָאגְט. תֵּיכֶּף קוּם מִיט מִיר. אִיז זִי מִיט אִים גִיגַאנְגֶען. זֶענֶען זֵיי אִיצְט אוֹיךְ אַרִיבֶּער אִיבֶּער אַלֶע וַואכִין בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיקוּמֶען.

**דֶערְנָאךְ** הָאט עֶר זִיךְ עֶרְשְׁט אַרוּם גִיקוּקְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ עֶרְשְׁט דֶערְמַאנְט וָואס עֶר הָאט דָא גִיטָאן. אַזוֹי אַ וִוילְדֶע זַאךְ. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָא וֶועט בְּוַודְאַי תֵּיכֶּף וֶוערִין אַ גְרוֹיס גִיפִּילְדֶער בַּיי דֶעם יֶעדְנִירַאל. אוּן סֶע אִיז טַאקֶע אַזוֹי גִיוֶוען. סֶע גִיוָוארִין תֵּיכֶּף אַ גְרוֹיס גִיפִּילְדֶער בַּאם יֶעדְנִירַאל.

**אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער בֶּערְגֶער.** אוּן הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטִין מִיט אִיר אִין אַ **גְרוּבּ** וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען רֶעגִין וַואסֶער. בִּיז דֶער רַעשׁ וֶועט אִיבֶּער גֵיין. אוּן עֶר הָאט דָארְט מִיט אִיר גִיזָאמְט **צְוֵוי טָאג.** הָאט זִי גִיזֶעהְן דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס עֶר הָאט פוּן אִירֶעט וֶועגִין. אוּן דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט אִיבֶּער אִיר.

**הָאט זִי גִישְׁוואוֹירִין בַּיי גָאט.** אַז גָאר אִיר מַזְל וָואס זִי הָאט. אֶפְשֶׁר הָאט זִי עֶפֶּעס אַמַזְל. אַז זִי זָאל הָאבִּין גְרוֹיס גְדוּלָה. אוּן הַצְלָחָה. **זָאל גָאר אִיר הַצְלָחָה. נִיט זַיין פַארְמִיטִין פוּן אִים** (דְהַיינוּ פוּן דֶעם בֶּערְגֶער) אוּן אַז עֶר וֶועט וֶועלִין זִיךְ נֶעמֶען גָאר אִיר הַצְלָחָה מִיט אִיר

גְדוּלָה. אוּן זִי זָאל בְּלַייבְּן אַזוֹי וִוי פְּרִיר. זָאל עֶס פוּן אִים גָאר נִיט פַּארְמִיטִין זַיין. לוּשְׁמִיר וִוי נֶעמְט מֶען דָארְט עֵדוּת.

**הָאט** זִי גִינוּמֶען דֶעם **גְרוּבּ** פַּאר אֵיין עֵדוּת. נָאךְ צְוֵויי טָאג. אִיז עֶר מִיט אִיר פוּן דָארְט אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען אוּן אִיז וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר אִיז מִיט אִיר וַוייטֶער וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען.

**אוּן עֶר** הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען אַז דָארְט. אִין דֶעם אָרְט. זוּכְט מֶען זִי אוֹיךְ. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ מִיט אִיר בַּאהַאלְטִין נָאךְ אַמָאל אִין אַ **מִקְוֶה.**

**הָאט זִי** זִיךְ דָארְט וִוידֶער אַמָאל דֶערְמַאנְט. דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ. אוּן דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט פוּן אִירֶעט וֶועגִין. **הָאט זִי נָאךְ אַמָאל גִישְׁווָאוִירִין.** אַזוֹי וִוי פְּרִיר. אַז גָאר אִיר מַזָל וְכוּ' כַּנַ"ל. אוּן הָאט גִינוּמֶען דִי **מִקְוֶה** **צוּ עֵדוּת.** זֶענֶען זֵיי דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען אַ קֶעגִין צְוֵויי טָאג.

**אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען.** אוּן זֶענֶען וַוייטֶער גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר וִוידֶער פַּארְשְׁטַאנֶען. אַז מֶע זוּכְט דָא אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ וִוידֶער מִיט אִיר בַּאהַאלְטִין.

**אוּן אַזוֹי** אִיז גִיוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל. וָואס עֶר הָאט זִיךְ מִיט אִיר אַלֶע מָאל אִין אֵיין אַנְדֶער אָרְט בַּאהַלְטִין דְהַיינוּ **אִין זִיבְּן אִירְלֵיי וַואסֶערִין.** דְהַיינוּ אִין אַ **גְרוּבּ** מִיט וַואסֶער אוּן אִין אַ **מִקְוֶה** כַּנַ"ל אוּן **אֲגַמִים** (גִימוֹיזִיכְץ) אוּן אַ **קְוָואל** אוּן **נְחָלִים** (רִיטְשְׁקֶעס) אוּן **נְהָרוֹת** (טַייכִין) אוּן **יַמִים.**

**אוּן אִין** אִיטְלִיכְן אָרְט וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ דָארְט בַּאהַלְטְן. הָאט זִי זִיךְ אַלְץ דֶערְמַאנְט אִין זַיין מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַייט פוּן אִירֶעט וֶועגִין אוּן זִי הָאט **אִים גִישְׁווָאוִירִין אַלְץ.** אַז אִיר מַזָל וְכוּ' כַּנַ"ל.

**אוּן** זִי הָאט אַלֶע מָאל גִינוּמֶען דָאס אָרְט צוּ עֵדוּת כַּנַ"ל. אוּן זֵיי זֶענֶען אַלְץ אַזוֹי גִיגַאנְגֶען אוּן זֵי הָאבִּין זִיךְ אַלֶע מָאל בַּאהַאלְטִין אִין דִי עֶרְטֶער (הַנַ"ל) בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם.

**וִוי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם יַם.** אוּן דֶער בֶּערְגֶער אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער סוֹחֵר. אוּן עֶר הָאט גִיוואוּסְט דִי גֶענְג אוֹיף דֶעם יַם הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁנִיטְן עֶר זָאל קוּמֶען אִין זַיין מְדִינָה אַרַיין בִּיז עֶר אִיז אִיבֶּער גִיפָארִין דֶעם וֶועג אוּן אִיז אַהֵיים גִיקוּמֶען מִיט דֶעם אָרוּם מַאנְס וַוייבּ. אוּן הָאט זִי אָפּ גִיבְּרַאכְט דֶעם אָרוּם מַאן.

# אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

**אוּן דֶער בֶּערְגֶער.** דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט גִיטָאן אַזוֹי אַזַאךְ. אוּן דֶערְצוּ אִיז עֶר עוֹמֵד בְּנִסָיוֹן (בַּיי שְׁטַאנֶען בַּיי דֶער פְּרוּבּ) מִיט אִיר (דְהַיינוּ וָואס עֶר הָאט מוֹרָא גִיהַאט פַאר גָאט אוּן הָאט זִי נִיט אָנְגִירִירְט) דֶערְפַאר אִיז עֶר **נִפְקַד גִיוָוארִין** (דְהַיינוּ גִידַאכְט גִיוָוארִין בַּיי הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ) אוּן עֶר הָאט גִיהַאט דָאס יָאר אַ זוּן,

**אוּן זִי אוֹיךְ** דְהַיינוּ דֶעם אָרוּמַאנְס וַוייבּ דֶערְפַאר וָואס זִי אִיז בַּאשְׁטַאנֶען אִין אַזוֹי אַ נִיסָיוֹן מִיט דֶעם יֶעדְנִירַאל אוּן מִיט אִים. דֶערְפַאר הָאט זִי זוֹכֶה גִיוֶוען אוּן זִי הָאט גִיהַאט אַ טָאכְטֶער אוּן זִי אִיז גִיוֶוען אַ פַּארְשׁוֹין זֵייעֶר אַ וִוילְד גְרוֹיסֶע פַארְשׁוֹין וָואס סֶע אִיז גָאר קֵיין מֶענְטְשְׁלִיךְ שֵׁיינְקֵייט נִיט גִיוֶוען. **וָוארִין צְוִוישְׁן מֶענְשְׁן זֶעהְט מֶען גָאר אַזוֹי אַ שֵׁיינְקֵייט נִיט.**

**דִי וֶועלְט פְלֶעגְט זָאגִין** הַלְוַאי סֶע זָאל אוֹיס וַואקְסִין. (וָוארִין אַזוֹי אַ וִוילְד חִידוּשׁ אִיז שְׁוֶוער אַז סֶע זָאל אוֹיס וַואקְסִין) **וָ**וארִין אִיר שֵׁיינְקֵייט אִיז גִיוֶוען גָאר וִוילְד. וָואס מְזֶעהְט אַזוֹינְס אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט. פְלֶעגְט דִי וֶועלְט אַרַיין גֵיין אוּן פְלֶעגִין קוּמֶען זִי זֶעהְן. אוּן פְלֶעגִין זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערִין אוֹיף אִיר שׁוֹינְקֵייט וָואס סֶע אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר וִוילְד גִיוֶוען אוּן פְלֶעגִין אִיר שֶׁענְקֶען מַתָנוֹת אַלֶע מָאל מַחְמַת לִיבְּשַׁאפְט אוּן זֵיי הָאבִּין אַזוֹי אַלְץ גִישֶׁענְקְט מַתָנוֹת. **בִּיז דֶער אָרוּם מַאן אִיז רַייךְ גִיוָוארִין.**

נאמען: ____________

# לאמיר זיין פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן ארימאן (2)

**א. וואס האט דער בערגער געטאן איר ארויסצונעמען?**

- ❑ ער האט געדאווענט.
- ❑ ער האט געטאן א ווילדע זאך.
- ❑ ער האט געטאן א אינטערסאנטע זאך.

**ב. האט דער בערגיר מצליח געווען איר ארויסצונעמען פון הויז פון יעדניראל?**

- ❑ יא.
- ❑ ניין.
- ❑ יא, נאר דער יעדניראל האט איר צוריקגעכאפט.

**ג. וואו האט זיך דער בערגיר צום ערשט באהאלטן?**

- ❑ אין א הייל.
- ❑ אין א מקוה.
- ❑ אין א גרוב.

**ד. וואס האט די ווייב פונעם ארימאן געשווארן?**

- ❑ אז איר גאנצע פארמעגן וועט זי געבן פארן בערגיר.
- ❑ אז אויב זי וועט האבן א קינד, וועט זי זיך משדך זיין מיט אים.
- ❑ אז איר גאנצע מזל און הצלחה, זאל ער קענען נעמען.

**ה. ווען האט זי גענומען פאר עדות אויף דעם?**

- ❑ דער באשעפער.
- ❑ די גרוב און די מקוה.
- ❑ צוויי מענטשן וואס זענען דארט אריבערגעגאנגען.

**ו. וויפיל טעג זענען זיי געווען אין די גרוב און אין די מקוה?**

- ❑ אין גרוב זיבן טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.
- ❑ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה זיבן טעג.
- ❑ אין גרוב צוויי טעג, און אין מקוה בערך צוויי טעג.

**ז. אין וויפיל און אין וועלכע פלעצער האבן זיי זיך באהאלטן?**

- ❑ אין זיבן פלעצער. אין גרוב, מקוה, הייל, פעלדער, וועלדער, מדבריות, און דערפער.
- ❑ אין זיבן וואסערן. אין א גרוב, מקוה, געמויזעכטץ, קוואל, ריטשקעס, טייכן, און יַמִים.
- ❑ אין צוויי פלעצער. אין א גרוב, און אין א מקוה.

**ח. וועלכע שכר האט דער בערגיר באקומען?**

- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א טאכטער א יפת תואר
- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א אינגעלע
- ❑ ס'איז אים געבוירן געווארן א אינגעלע א יפה תואר

**ט. וועלכע שכר האט באקומען די ווייב פונעם ארימאן?**

- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א טאכטער א יפת תואר
- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א אינגעלע
- ❑ ס'איז איר געבוירן געווארן א אינגעלע א יפה תואר

**י.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?

- ❑ איינמאל
- ❑ צווימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

**ביי וועלכע נאך מעשה פון סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט אז איינער האט געוועקט דעם אנדערן ?**

## תשובות אויף די מעשה פון דער בערגיר מיטן ארימאן (1)

**ביי וועלכע נאך מעשה פון סיפורי מעשיות ווערט דערמאנט א "חלום" ?**

**מעשה ד', מעשה ז', מעשה ח', מעשה י' (וואס מיר לערנען יעצט), מעשה י"א, מעשה י"ג**

דעם רבינ'ס מעשיות

לְהִתְוַדַּע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז 'קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים', לוֹטֶער 'סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה'. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: "אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיּוֹת"!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com